הערר בראָס. אין רוסיש פוילען, ספעציעל אין ליטא פאָדערן די יודישע ארבייטער זשאַרנאָנישע שוהלען, דעריבער האָט די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי עס אריינגעשטעלט אין איהר פראָגראַם. צו איהר פאָדערט זשאַרגאָנישע שוהלען? אויף דעם סעפּאַראַטיסטישען קאָנגרעס האָבען זיך אויסער דעם יוגענדליכען ארבייטער דעמביטצער און אַקאַדעמיקער מאנדעל אלע אויסגעשפּראָכען געגען אַזעלכע שוהלען. ווען דאָס יודישע פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען וואָלט ווירקליך פאָדערן זשארגאָנישע שוהלען וואָלט אונזער פאַרטיי, אלס די רעפּרעזענטאַנטין פון דעם פּראָלעטאַריאַט עס פאָדערן. דער אויסרייד, אַז קיין סאָציאַליסטישע פאַרטיי פאָדערט נישט איצט קיין נאַציאָנאַלע שוהלען איז לעכערליך, ווייל די אַלע נאַציאָנען פון די פאַרטייען האָבען אַזעלכע שוהלען. אייך רופען מיר סעפּאַראַטיסטען ניט דערפאַר ווייל איהר זענט יודען. יודען זענען מיר אויך, נור ווייל איהר ווילט אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָן. נאַכהער ווענדעט ער זיך צו די ציוניסטען. וואו זענען די סוחרים און קליין בירגער? זיי אינטערעסירט די פראַגע געווים ניט ווייניגער פאַר אונז. זיי זענען ניט געקומען אהער ווייל זיי האָבען צו אייך, ציוניסטען, קיין צוטרוי נישט. און מיט רעכט. מיט עטליכע חדשים צוריק האָט איהר אויף פערזאַמלונגען געזאָגט, אַז איידאַפּאַ איז פיר יודען נור אַ אכסניה און איצט קומט איהר מיט אַ מאָל און ווילט בויען געביידען אויף הונדערטער יאָהרען. ווען דאָס יודישע פאָלק וואָלט אייך נאָכגעגאַנגען, וואָלט עס איצט נאָך אַזאַ שפּרונג געבראָכען הענד און פיס. איהר ווייסט דאָך אפילו נאָך נישט וועלכע שפּראַך וועט זיין די יודיש־נאַציאָנאַלע: פוילישֿ: די שפּראַך פון די גאַליציאַנער ציוניסטען, העברעאיש; די שפּראַך פון די בטלנים אָדער זשאַרגאָן: די שפּראַך פון יודישען פאָלק. אונטער אייער קלינגענדען שלאַגוואָרט ליעגט קיין שום קאָנקרעטע פאָדערונג. ביק, קאָלישער, און ז. וו. פיהרען אַ שענדליכע אָבער רעאַלע פּאָליטיק. דעריבער האָבען זיי און וועלען האָבען מעהר הצלחה אין זייער אַגיטאַציאָן פון אייך.

די ציוניסטען האָבען ווי געוועהנליך וואָס אַ ווייַלע איבערגעריסען דעם געג. מיכלזאָהן. זאָגאַר דער פאָרזיטצענדער האָט ניט געקענט איינזיצען רוהיג און געשריפט פון פּרעזידענטען טישעל פּאָלעמיזירען מיט איהם. אונזערע גענאָסען האָבען געגען דעם ענטשיעדען פּראָטעסטירט.

דער סעפּאַראַטיסטישער ארבייטער פּאַסיער האָט ערקלעהרט, אַז די יודישע ארבייטער ווילען בעסער אויסוועהלען אַ קריסטליכען סאַץ. דעמאָקראַט ווי אַ יודישען פאַבריקאַנט. נאַכהער האָט גערעדט געג. א. גראַסס, וועמען די ציוניסטען האָבען ווידער כסדר געשטערט. ער האָט געמאַכט אויפמערקזאַם אויף די בעזונדערע בעדינגונגען צווישען די יודען אין ליטא און גאַליציען.

דער רעפערענט האָט אין זיין שלוס רעדע זיך געוואָלט ארויסדרעהען מיט וויטצען, וועלכע ער האָט אָבער, ווי עס זעהט אויס, געלאָזען אין לעמבערג.

נאַכהער האָט מען געשטימט איבער די רעזאָלוציאָן. הונדערט און זיבעציג הענט מיט הענטליך האָבען זיך אויפגעהויבען פאַר די רעזאָלוציאָן און הונדערט און צוואַנציג געגען. אַזויערנאָך האָט מען אין קראַקוי בעשלאָסען די יודישע אויטאָנאָמיע. דערמיט האָט זייך ביי אונז געענדיגט דער ציוניסטישער „גרויסער טאָג“.

מ. מיכליאָהן.

---

## דער עגל הזהב.

(נאָך׳ היינע).

פלייטען, שופרות, פויקען, פיעדעל,<br>
שפּיעלען צו צום אָבנאָטט־ליעדעל;<br>
און עס טאַנצען יעקב׳ס טעכטער<br>
אום דעם עגל רום־אונד־רום —<br>
בים־באַם־בום —<br>
פויקענקלעפּ און גרויס געלעכטער!

ס׳קלייד פערקאַשערט ביז די לענד,<br>
האַלטענדיג זיך פאַר די הענד,<br>
עדלע בתולות — יחוס עכטער —<br>
פליהען ווי אַ שטאַרקער ווינד<br>
אום דאָס רינד —<br>
פויקענקלעפּ און גרויס געלעכטער!

אהרן זעלבסט ווערט נאָר אין גאַנצען<br>
שטאַרק פערחאַפּט פון׳ם ווילדען טאַנצען.

---

# פעליעטאָן.

ooooo

## דער ליידיג געהער.

(ענדע).

ד אַ לאַנגע, שווערע דריי חדשים׳דיגע ליידיג־געהן מיט אַלע זיינע וויסטע טעג און לאַנגע אומרוהיגע נעכט האָט נחמן׳ען, יעצט מיטאַג צייט, זיינער אַ בעקאַנטער בחור אויף אַ דרוקער אוועקגערופען זיך פערדינגען אין אַ דרוק. זיין בעקאַנטער האָט אָבגעשפּאַרט פון׳ם מיטאָג שטונדע און געפיהרט נחמן־׳ן אויף אַ שטעלע. —

ד׳ מוטער האָט וואָרים געדאַנקט נחמן׳ס חבר אָבער זי האָט אַזוי ווי מורא געהאַט איהם אוועקצולאָזען פון זיך. איהר האָט געשטאָכען דער געדאַנק, אַז ער וועט פאַר איהר האָרעווען.

נחמן האָט פערשטאַנען איהרע געדאַנקען, איז צוגעגאַנגען צו איהר, איהר געדריקט די הענד און געזאָגט:

— אָט וועל איך שוין אויך אַרבייטען אין די אַרבייט וועט ביי אונז זיין צעטהיילט. דו וועסט אַרבייטען אין שטוב און איך אין דרוק... אַז די אַרבייט איז צעטהיילט טהוט מען מעהר אויף — די אַרבייט ווערט פּראָדוקטיווער... מיר וועלען האָבען, קען זיין, אַלע טאָג צו הייצען דעם אויווען און צו קאָכען אַ פליישיגען מיטאָג...

די מוטער האָט איהם בעגלייט ביז׳ טיהר און שטיל געזאָגט:

— זיי נור געזונד...

נחמן איז אוועק און זי האָט זיך הויך פערגאַנדערגעוויינט. זי האָט בעוויינט איהר זוהן נאָך שטאַרקער, ווי מיט איינינע יאָהר צוריק איהר מאַן. דאַן האָט זי געוויינט, אַז נור איהר טרעפט אַזאַ אומגליק, און אַז איהר בלייבט אַ קינד, אָבער יעצט, יעצט האָט זי געגאָסען טרעהרען פאַר די גאַנצע וועלט, פאַר גאַנצע דורות... די לעצטע 3 חדשים האָבען גוט געגעבען צו וויסען, וואָס ס׳הייסט זיך פערדינגען. זי האָט דערזעהן מיט די אויסגעוויינטע אויגען אַ גאַנצע וועלט פול מיט צרות און אומגליקען, אומהערליכקייט און שלעכטיגקייט, געבאָרענע קראַנקהייטען און פריה־צייטיגע טויטען...

די אָריסע פרוי האָט געוויינט אין איהר ענגען, וויסטען קאַמעריל פאַר די וויסטקייט פון דער גאַנצער וועלט; עס האָט זיך ביי איהר צוצאַפּעלט אַ פריש־אויפגעחאַפּטע הארץ, וואָס האָט פּראָטעסטירט מיט אַלע געפיהלען קעגען די גאַנצע אָריגקייט און קנעכטשאַפט!..

אין דער צייט פון איהר וויינען איז אנגעקומען נחמן׳ס נאָך אַ בעקאַנטער פון אַ יאָהר 38 — יאַנקעל דער שניידער. ער האָט געאַרבייט ביי איין אַנדערע און געלעבט זעהר אָרים, נאָר דערפאַר איז ער געווען זעהר אַ פרעהליכער פריידע פלעגט איהם שטענדיג רופען פרעהליכער קבצן, נאָר די לעצטע צייט האָט זי איהם גענומען רופען אומגליקליכער מענש. יאַנקעל איז ניט געווען צופרידען מיט׳ן נייעם נאָמען, מיט וועלכען זי האָט איהם געקרוינט...

דערזעהענדיג יאַנקלען האָט זי בעהאַלטען דעם פּנים כדי ער זאָל ניט בעמערקען איהר וויינען. זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער לאַכען פון איהר.

ער האָט איהר געגעבען די הענד און געפרעגט, וואו נחמן איז.

און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט נחמן׳ען אוועקגעפיהרט אין אַ דרוק האָט ער גענומען שפּרינגען פון שמחה.

אין קרוין פוילען טראגט זיך די בעוועגונג איבער אויף'ן דארף. די פויערים ברענען מאנאפאלען מיט די רעגירונגס פאפירען.

ווען מען זאל גלויבען די ענגלישע און יאפאנישע צייטונגען, איז דאס גאנצע מיליטער אין מאנדזשוריע צובונטוועט. און אין אזא צייט האט זיך דער רוסישער מיניסטער קאקאווצאוו אויסגעקליבען קיין אויסלאנד נאך מיליארדען. די רוסישע רעגירונג ווייסט וואס מען קלערט וועגען איהר אין אויסלאנד, נאר וואס זאל זי טהון — זי האט ניט מיט וואס צו בעצאהלען די קופאנעס פון די מיליארדישע שטר חובות.

אין מאסקווא האט מען געזאלט, ווי די מאסקווער צייטונגען ברענגען, די טעג הינריכטען 18 רעוואלוציאנערען, צווישען זיי דעם דייטשען אונטערטהאן, שפינערייפאבריקאנט שמידט.

---

## בריעף־קאסטען.

ה. אפאלא, דראהאביטש. מיר האבען די „בייגעלעגטע" קארעספאנדענץ ניט בעקומען.

א פלאקס פאדוואלאטשיסק. איהר מוזט זיך ווענדען אין:

„Książka“, Grodzka 50

אונזערע קארעספאנדען בעטען מיר זיך מעגליכסט מקצר זיין און שרייבענדיג אין זינען האבען, די קארעספאנדענץ זאל קענען אינטערעסירען וויינינגסטענס א גרויסע צאהל לעזער.


די קאפפער פאבריק

ש. & מ. ד. ענגעלהערט אוים נויסאנדעץ

זוכט איינען קאפפער ארבייטער אפפערטע אונטער אבנענאנטע אדרעסע.



## די אידישע ארבייטער ביבליאטעק

פון

דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי.

גן־עדן התחתון. פרייז: 2 העלער.
קאוטסקי. די אונאבהענגיגקייט פון פוילען. פרייז: 10 „
פייגענבוים. ווי קומט א יוד צו סאצ.? פרייז: 20 „
א. ווראנסקי. די אידען אין פוילען. פרייז: 10 „
ש. דיקשטיין. פון וואס איינער לעבט. פרייז: 20 „
וואס יעדער ארבייטער דארף וויסען און געדענקען. 30 „
ליעבקנעכט. די וואהרהייט איבער דעם סאצ. 30 „
די ארבייטער רעוואלוציאן. פרייז: 15 „
א. דעמבסקי. סטאניסלאוו קוניצקי. פרייז: 10 „
מ. מיכלזאהן. הערשעל דער שניידער. פרייז: 10 „
לאטארניק. יאראסלאוו דאמבראווסקי. פרייז: 10 „
שפיאן. פרייז: 15 .
לאטארניק. די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן. 20
ב. א. י. לורוויג ווארינסקי. פרייז: 20 „
אמ עריקאנער. פיל יפינא פלאסקאוויצקא. פרייז: 10 „
ארבייטער געדיכטע. פרייז: 30 „
ב. א. י. אוגוסט בלאצקי: פרייז: 10 „
א קלארער ענטפער (ביילאגע צום 8־טען נומער „ארבייטער"). פרייז: 15 „
די ארבייטער סאלידאריטעט און דער קאמפף אום דאיין. פרייז: 10 „
פערדינאנד לאסאל. פרייז: 15 „
מ. מיכלזאהן. מאריא קאטציושקא. פרייז: 20 „
ב. פייגענבוים. דער רעכטער וועג. א גיכה וועגען די פוילישע סאציאליסטיש פארטיי און איהרע פארערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז: 80 „

פון „פשעדשוויט" Kraków, Grodzka 50.





# Do Ameryki i Kanady!

przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

**M. G. Freudberg,** ANTWERPIA 10. Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do Nowego Yorku co sobotę; do Kanady co 10 dni! Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od tej Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.



## „טלית פאבריק"

### שלמה פרייער טלית פאבריקאנט קאלאמעא

קאמיאנקאגאססע 130.

פערקויפט די פיינסטע קוואליטעטען פון טליתים גדולים וקטנים אויך טיכעל אללער ארט צו זעהר בילליגען פרייזען. די וואהרע ווירד פראמפט אונד צור בעסטען צופריעדענהייט עפעקטואירט. ווער גוטע וואהרע ברויכט, דער ווענדעט זיך צור אביגע פירמא.



**Darmo i opłatnie** otrzyma każdy mój bogato illustrowany cennik



**Instrumentów muzycznych**

**oraz różnych zabawek**

# A. Scheuer, Kraków

**ulica Grodzka L. 59/6.**



## Tajny memoryał kuratora warszawskiego Szwarca

w sprawach szkolnych

Cena 1 kor. Cena 1 kor.

## Strejk polityczny w Królestwie Polskiem

Cena 2 kor. Cena 2 kor.

Do nabycia we wszystkich księgarniach oraz administracyi „Naprzodu“ i „Przedświtu“ (Kraków, Grodzka 50). Zwracający się wprost do administracyi, nie ponoszą kosztów przesyłki.

